Otto Schneid
Papers

1 letter 30. III. 31
17. XII. 31
24. XII. 31

ZALKIND, B

6:20

wileńskie żydowskie TOWARZYSTWO **artystów plastyków** w. Pohulanka 18.	**פֿאַריין פֿון די ווילנער** יידישע **קינסטלער פּלאַסטיקער** גר. פּאָהולאַנקע 18

Wilno, dn. 30-III 31.

L.

ליבער געערטער ה׳ חבר׳ [illegible] שלום!

אײַער פּאָסט-קאַרטל פֿון ביאַליסטאָק · דעם 27-III ד״י. האָב איך באַקומען
איך שיק אײַך דאָ: 1) פֿינף פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון מײַנע בילדער (אייל)
2) א בלייפֿעדער-צייכענונג-אויטאָפּאָרטרעט, און 3) פֿאָלגענדע
ביאָגראַפֿישע דאַטן:
איך בין געבאָרן אין ווילנע אין 1879 יאָר. געענדיקט אין ווילנע א
[illegible]-שול. א קורצע צייט געאַרבעט אין פּעטערבורג.
אין 1904 יאָר געפֿאָרן אין פּאַריז, וואו איך האָב געלערנט
אין פּריוואַט-אַקאַדעמיע ״דשוליאַן״ ביים פּראָפֿעסאָר זשאַן-פּאָל
לאָראַנס, און דערנאָך אין פֿאַרלויף פֿון 4 יאָר אין
„École Nationale des Beaux Arts" ביי די פּראָפֿעסאָרן באָנאַ און לוק-אָליווער
מערסאָן. אין 1909 בין איך געקומען צוריק אין ווילנע, וואו איך
אַרבעט אלס קינסטלער און לערער פֿון צייכענען אין פּריוואַטע
יידישע מיטל-שולן, נעם אַנטייל אין פֿאַרשיידענע בילדער-
אויסשטעלונגען און אויך אין פֿאַרשיידענע קונסט-פֿאַראיינען.
ביז דער וועלט-קריג בין איך געווען פּרעזידיום-מיטגליד
און סעקרעטאַר אין „ווילנער קונסט-געזעלשאַפֿט" א.ז.וו. בין
איך פּרעזעס אין פֿאַראיין פֿון ווילנער יידישע פּלאַסטיקער.
דעם פֿאַריגן סוכּות האָט די ווילנער יידישע קונסט-געזעלשאַפֿט
אײַנגעאָרדנט מײַנע א 25 יאָריקע יובילײ-אויסשטעלונג פֿון איבער
100 בילדער.

מיט אַכטונג קינסטלער
בער צאַלקינד

B. Zalkind
Wilno, ul. Rydza-Śmigłego 5 m 16.

P. S. [illegible]

ZALKIND
צאַלקינד ז׳ 114